# די יידישע שול אין מעלבורן

———o———

פון

## י. גיליגיטש

———o———

דער געדאַנק וועגן גרינדן אַ יידישע שול אין מעלבורן איז אָן שום ספק אַ סך עלטער, איידער די דאַטע, ווען די שול איז פּאַקטיש געעפנט געוואָרן. נאָך דער וועלט־מלחמה, ווען די עמיגראַציע־מעגלעכקייטן זענען שטאַרק באַגרענעצט געוואָרן, איז אויסטראַליע געבליבן כמעט דאָס איינציקע אָרט אויף דער וועלט, וואוהין מ'האָט נאָך געקענט באַקומען אַ דערלויבניש אַריינצופאָרן אָן באַזונדערס גרויסע שוועריקייטן. האָט זיך טאַקע אַהער אַ לאָז געטאָן אַ היפּשע צאָל יידן פון פּוילן, רומעניע און די באַלטישע מלוכות.

אַ טייל פון די געקומענע עמיגראַנטן זענען אין זייער אַלטער היים געווען פאַרבונדן מיט דער אַרבעט אַרום דעם יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן: געווען מיטגלידער פון שול־צענטראַלעס, עלטערן־קאָמיטעטן, און ווען זיי זענען געקומען קיין אויסטראַליע, האָבן זיי נישט געקענט פאַרווענדן זייערע כוחות און אויסנוצן זייער דערפאַרונג דאָ אויף אָן אָרט, ווייל קיין יידישע שולן זענען אין אויסטראַליע נישט געווען. האָבן עטלעכע שול־ענטוזיאַסטן, וואָס האָבן געבענקט נאָך שול־אַרבעט, געגרינדעט אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו העלפן די יידישע שולן אין פּוילן.

ווען דער עולם האָט זיך דאָ שוין אַביסל איינגעאָרדנט, אַראָפּגענומען זייערע משפּחות און געוואָלט לערנען זייערע קינדער יידיש, האָבן זיי געמוזט אָנקומען צו פּריוואַטע לערער, וואָס





זאָלן זיי לערנען אין שטוב. אָבער אפילו אַזעלכע לערער, וואָס זאָלן האָבן די נייטיקע קוואַליפיקאַציעס, איז ביי יענער צייט געווען שווער צו געפינען. מען האָט דעריבער אפילו ניט געקענט טרוימען וועגן עפענען אַ יידישע שול.

אויב עמיצער האָט בלויז גערעדט וועגן אַזאַ געוואַגטן שריט, האָט מען אויף אים געקוקט ווי אויף אַן אוטאָפּיסט, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט נאַרישע חלומות. די צוויי ווייטערדיקע מניעות האָבן אויסגעזען נישט צום בייקומען: 1) צי וועלן זיך געפינען גענוג עלטערן, וואָס וועלן שיקן זייערע קינדער אין אַ יידישער שול און 2) ווו וועט מען נעמען אַ פאַרוואַלטער און אַ לערער־פּערסאָנאַל פאַר דער שול.

איז טאַקע די פראַגע וועגן עפענען אַ יידישע שול אין מעלבורן געווען נישט אַקטועל, ביז ס'איז געקומען קיין אויסטראַליע דער דיכטער מלך ראַוויטש, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע („צישא”), כדי דורכצופירן אַ געלט־אַקציע פאַר די יידיש־וועלטלעכע שולן אין פּוילן.

די גרוסן, וואָס ער האָט געבראַכט פון פּוילן און אַנדערע לענדער אין אייראָפּע און אַמעריקע וועגן דעם וווּקס און דער אַנטוויקלונג פון דעם יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן איבער גאָר דער וועלט, האָבן אויפגעמונטערט דאָס ביסל יידן, וועמען ס'איז טייער געווען דאָס יידישע וואָרט, די מאָדערנע יידישע קולטור, און מען האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן גרינדן אַ יידישע שול אין מעלבורן.

אָבער די צוויי קאַרדינאַלע פראַגן: צי וועלן זיין גענוג קינדער און ווו וועט מען נעמען לערער, האָבן געהאַמעוועט יעטוועדע איניציאַטיוו.

די פראַגע וועגן גרינדן אַ יידישע שול איז געוואָרן ממשותדיקער, ווען ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז מלך ראַוויטש קומט קיין אויסטראַליע אויף אַ לענגערער צייט און רעכנט זיך דאָ צו באַזעצן. ערשט דעמאָלט האָט אַ גרופּע היגע געזעלשאַפטלעכע טוער באַשלאָסן צו גרינדן אַ יידיש־וועלטלעכע שול און אָנגעהויבן די צוגרייטונגס־אַרבעט.

מ. ראַוויטש אַרבעט אויס אַ פּראָיעקט פון אַ שול־פּראָגראַם. און דעם 1טן אָקטאָבער, 1935, קלייבט זיך צונויף די איניציאַטיוו־גרופּע אין הויז פון פריינט י. גינטער, און ס'ווערט באַשלאָסן צו רופן אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דער יידישער שול.

ס'ווערט פאַנאַנדערגעשיקט אַ צירקולאַר־בריוו צו עלטערן און אַנדערע פאַראינטערעסירטע אין אַ יידישער שול מיט אַן איינלאַדונג צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. אַזוי ווי דער בריוו שטעלט מיט זיך פאָר אַ וויכטיקן היסטאָרישן דאָקומענט, ווייל אין אים זענען פאָרמולירט די צילן און אויפגאַבן, ווי אויך דער כאַראַקטער פון דער קומענדיקער יידישער שול, ווען מיר דעריבער געבן זיין ערשטן טייל כמעט אָן פאַרקירצונגען:

מעלבורן, דעם 2טן אָקטאָבער, 1935.

ח' פריינד!

דערמיט פאַרבעטן מיר אייך העפלעך אויף דינסטיק, דעם 8טן אָקטאָבער, זייגער 8 אין אָוונט, אין לאָקאַל פון „קדימה" אויף אַן אינפאָרמאַטיווער איניציאַטיוו־פאַרזאַמלונג וועגן דעם שאַפן פון אַ יידישער נאָכמיטאָג־ און זונטיק־שולע.

סדר היום: 1) אַריינפיר־וואָרט. 2) קורצער רעפעראַט וועגן דער נויטיקייט פון יידישע שולן און קורסן (מ. ראַוויטש). 3) מיינונגס־אויסטויש צום רעפעראַט. 4) וואַלן פון אַ שול־איניציאַטיוו־קאָמיטעט.

די פאַרזאַמלונג וועט פאָרקומען אין אויבערשטן זאַל פון „קדימה". מיר רעכענען מיט זיכערקייט אויף אייער פריינטלעכער אָנוועזנהייט און דאַנקען אין פאָראויס.

מיט פיל אַכטונג — די איניציאַטיוו־גרופּע:

ס. בורשטין, ש. בריליאַנט, י. גינטער,
מ. סילמאַן, מ. ראַוויטש.

מיר בעטן צו שענקען אייער פריינטלעכע אויפמערקזאַמקייט דעם פאָלגנדיקן פּראָיעקט:

ליטעראַריש־יידישע נאָכמיטאָג־ און זונטיק־שולע.





די יידישע נאָכמיטאָג־ און זונטיק־שולע ווערט געפירט אין יידיש און איר צוועק איז צו געבן אירע שילער און באַזוכער־קינדער, יוגנט און דערוואַקסענע:

1) די קענטשאַפט פון דער יידישער שפּראַך אין וואָרט און שריפט, אַריינפיר אין דער יידישער געשיכטע.

2) קענטשאַפט פון דער יידישער ליטעראַטור אין ענגערן זינען פונם וואָרט, ד. ה. ליטעראַטור אין דער יידישער שפּראַך.

3) קענטשאַפט פון דער ליטעראַטור פון יידן אין ברייטסטן זינען פונם וואָרט.

נעמענדיק אין אַכט, אַז ביים היינטיקן טאָג איז די יידישע שפּראַך די טרעגערין פון דער יידישער פאָלקסטימלעכקייט, די קולטורעלע פאַרבינדערין פון די גרעסטע יידישע ישובים איבער גאָר דער וועלט, איז עס וועזנטלעך וויכטיק, אַז יידישע קינדער זאָלן אָנהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט דער דאָזיקער שפּראַך און דורך איר זיין אימשטאַנד אָנצוהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט דעם יידישן מאַסן־לעבן פון גאָר דער וועלט. דער גרעסטער טייל פון דעם יידיש־ליטעראַרישן פאָלקס־גדניום געפינט ביז צום היינטיקן טאָג זיין תיקון און אויסדרוק אין יידיש. ווייטער: דער הויט־השדרה פון יידישן מהות, פון לינקס ביז רעכטס, איז ביז צום היינטיקן טאָג אין מזרח פון אייראָפּע. זיין אַ ייד הייסט: נישט זיין אָפּגעריסן און אָפּגעפרעמדט פון דעם הויט־השדרה, און די בעסטע און לייכטסטע פאַרבינדונג איז די דירעקטע פאַרבינדונג דורך דער פאָלקס־שפּראַך — יידיש.

נעמענדיק ווייטער אין אַכט די באַזונדערע באַדינגונגען פון דעם קליינעם און ווייטן אויסטראַלישן ישוב, וועט די יידישע נאָכמיטאָג־ און זונטיק־שולע זיין אַבסאָלוט אַפּאָליטיש. זי וועט זיין בלויז נאַציאָנאַל־קולטורעל אין פאָרם און אין אינהאַלט, אָריענטירן זיך אויף די מאָדערנע יידישע קולטור־שטרעמונגען אין אייראָפּע און אין אַמע־

ריקע, מער־וויניקער לויט דער גענעראַל־ליניע פון דער אַרבעט פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע.

* * *

פון דעם בריוו קענען מיר זען, אַז די גרינדער האָבן געהאַט אין זינען, אַז ביי דער שול פאַר קינדער זאָלן אויך זיין קורסן פאַר דערוואַקסענע.

אין צווייטן טייל פונם בריוו ווערט אויפגעקלערט, אַז די קורסן פאַר דערוואַקסענע דאַרפן באַשטיין פון לעקציעס איבער יידישע שרייבער, וואָס האָבן געשריבן אין יידיש און אויך אין אַנדערע שפּראַכן.

דעם 8טן אָקטאָבער, 1935, האָבן זיך אין „קדימה" פאַרזאַמלט 39 מענטשן, כדי צו לייגן דעם גרונטשטיין פאַר אַ יידישוועלטלעכער שול אין מעלבורן.

אין פּראָטאָקאָל פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג לייענען מיר:

„מ. ראַוויטש גיט איבער אין אַ קורצן רעפעראַט וועגן דעם אַנטשטיין פונם פּראָיעקט; וועגן דעם, אַז ערשט דאָס באַקענען זיך מיט די קינדער וועט געבן די איניציאַטאָרן אַ קלאָרן באַגריף וועגן דעם, וואָס לאָזט זיך דאָ טאָן. עס איז אָבער קלאָר, אַז וועגן אַ טאָג־שול קען מען גאָרנישט טראַכטן, אַז עס קען נאָר זיין אַ זונטיק־ און נאָכמיטאָג־שול. ער גיט איבער זיינע אָבסערוואַציעס אויף דעם געביט אין אַמעריקע, קאַנאַדע, דרום־אַפריקע. דער רעפערענט זאָגט, אַז פון דער היינטיקער פאַרזאַמלונג װעלן די איניציאַטאָרן נאָר הערן דאָס ערשטע וואָרט פון אויפמונטערונג און די איינשטימיקייט, אַז אַזאַ שול־אַרבעט אין מאָדערנעם זינען איז נויטיק".

ווי מיר זעען פון דעם פּראָטאָקאָל־אויסצוג, זענען נאָך די איניציאַטאָרן אַליין אויך נישט געווען הונדערט־פּראָצענטיק זיכער אין דעם דערפאָלג פון זייער אונטערנעמונג. ס'האָט זיך נאָך געפאָדערט אַן אויפמונטערנדיק וואָרט. ס'האָט זיך שווער געגלויבט, אַז ס'וועט זיך איינגעבן אין דער פאַרוואָרפענער





אויסטראַליע צו גרינדן אַ יידישע שול, וואָס וועט פאַרבינדן דאָס יידישע קינד פון דעם יינגסטן און וייטסטן קאָנטינענט מיט די יידישע ישובים פון גאָר דער וועלט.

אָבער די עקשנות און דער ענטוזיאַזם פון די איניציאַטאָרן האָבן אָנגעשטעקט אויך די אַנוועזנדיקע אויף דער פאַרזאַמלונג, און נאָך אַ לעבהאַפטער דעבאַטע ווערט באַשלאָסן צו עפענען אַ יידישע שול אין מעלבורן מיטן נאָמען: „יידישע זונטיקאון נאָכמיטאָג־קורסן אין מעלבורן".

ס'ווערט אויסגעקליבן דער ערשטער קאָמיטעט אין פאָלגנדיקן באַשטאַנד: מרס. ר. בריליאַנט, ס. בורשטין, פּ. גאָלדהאַר, י. דייווים, מ. הילער, כ. ווייניק, פּ. לאַסיקאַ, ב. ראָזנבערג. שפּעטער איז קאָאָפּטירט געוואָרן אויך מר. ש. בריליאַנט ווי אַ מיטגליד פונם קאָמיטעט.

ס'איז אינטערעסאַנט, אַז דער ערשטער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן צו אַרבעטן די ערשטע צייט אָן אַ פּרעזידיום. ס'זענען נאָר אויסגעקליבן געוואָרן אַ סעקרעטאַר (י. דייווים) און אַ קאַסירער (מרס. ר. בריליאַנט). ערשט שפּעטער ווערט געשאַפן אַ פּרעזידיום מיט מרס. בריליאַנט אַלס פאָרזיצערין.

דער קאָמיטעט האָט זיך ענערגיש גענומען צו דער צוגרייטונגס־אַרבעט. מען האָט געדאַרפט געפינען אַ פּאַסיקן לאָקאַל, איינלאַדן לערער און באַזאָרגן לערן־ און לייען־ביכער פאַר דער שול.

מען האָט פריער גערעכנט, אַז ס'וועט זיך איינגעבן צו קריגן אַ לאָקאַל פאַר די קורסן אין איינער פון די עקזיסטירנדיקע מלוכה־שולן, אָבער סוף־כל־סוף האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אויפן לאָקאַל פון דער „קדימה", וו די שול איז געעפנט געוואָרן זונטיק, דעם 3טן נאָוועמבער, 1935.

די קינדער זענען פאַרטיילט געוואָרן אין 3 גרופּן און ס'זענען איינגעלאַדן געוואָרן אויסער דעם פאַרוואַלטער, מלך ראַוויטש, נאָך 2 לערער: ב. סטאַר און ל. זשאַבינסקי. ס'זענען אויסגעשריבן געוואָרן לערן־ביכער. ס'איז דורכגעפירט געוואָרן

אַ קליינע געלט־זאַמלונג אויף איינשאַפן אַ שול־ביבליאָטעק, און די שול האָט אָנגעהויבן פונקציאָנירן.

אין שול איז געלערנט געוואָרן: יידיש (לייענען און שרייבן), יידישע ליטעראַטור און יידישע געשיכטע, און פון 1936 איז אויך געזאַנג איינגעפירט געוואָרן ווי אַ שטענדיקער למוד אין דער שול.

די למודים זענען פאָרגעקומען 2 מאָל אַ וואָך: זונטיק אינדערפרי און מיטוואָך נאָכמיטאָג.

דעם 20טן אַפּריל, 1936, ווערן אויך געעפנט די קורסן פאַר דערוואַקסענע. זיי באַשטייען פון אַ סיסטעמאַטישן קורס פון דער יידישער ליטעראַטור, אָנגעפירט דורכן פאַרוואַלטער, מלך ראַוויטש.

שפּעטער האָט די געזעלשאַפט „פריינט פון יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן אין פוילן" איבערגענומען די איינאָרדנונג און אָנפירונג מיט די לעקציעס פאַר דערוואַקסענע. ווען מ. ראַוויטש האָט פאַרלאָזט אויסטראַליע איז דער קורס פון יידישער ליטעראַטור געפירט געוואָרן דורך י. גיליגיטש.

אין 1940 האָט די געזעלשאַפט „פריינט פון יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן" געגרינדעט דעם „פאָלקס־אוניווערסיטעט", וועלכער זעצט־פאָר ביז היינטיקן טאָג די אַרבעט, וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן דורכן קאָמיטעט פון דער יידישער שול אין מעלבורן.

שוין אין ערשטן יאָר פון דער עקזיסטענץ פון דער שול איז קלאָר געוואָרן, אַז מען וועט מוזן עפענען נאָך איין גרופּע — די פערטע. אָבער מען האָט דאָס געמוזט אָפּלייגן אויף אַן אומבאַשטימטער צייט, ביז מען וועט קענען קריגן אַ לערער, און דאָס איז געווען גאָרנישט אַזוי לייכט. דערווייל איז די שול געפירט געוואָרן אין 3 גרופּן.

אין יולי, 1937, פאַרלאָזט מלך ראַוויטש אויסטראַליע, און די אָנפירונג מיט דער שול נעמט איבער צייטווייליק ה. גורט, וואָס איז צו יענער צייט אָנגעקומען פון פוילן.

די שול גייט זיך אָן מיט איר נאָרמאַלן גאַנג, אָבער דאָ





הויבט זיך אָן די עפּידעמיע פון קינדער־פּאַראַליז, וואָס רופט זיך קאַטאַסטראָפאַל אָפּ אויפן קינדער־באַזוך אין דער שול. די פרעקווענץ פאַלט מיט יעדן טאָג, און דעם 10טן אויגוסט ווערט באַשלאָסן צייטווייליק צו שליסן די שול, ביז די עפּידעמיע וועט שוואַכער ווערן.

די שול ווערט צוריק געעפנט דעם 24טן אָקטאָבער, אָבער נאָר פאַר די עלטערע קינדער. דער באַזוך איז אַ פאַרהעלטנישמעסיק קליינער, אַרום 16־20 קינדער. אַזוי דערציט מען ביזן סוף פון לערן־יאָר.

אין אָנהויב 1938 ווערט איינגעלאַדן ווי אַ פאַרוואַלטער פון דער שול י. גיליגיטש, דער געוועזענער לערער פון דער ווילנער יידישער רעאַל־גימנאַזיע, וואָס איז געקומען קיין אויסטראַליע אין שליחות פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע אין פוילן דורכצופירן אַ געלט־אַקציע פאַר די יידיש־וועלטלעכע שולן אין פוילן.

נאָכן פאַרענדיקן די אַקציע באַזעצט ער זיך אין אויסטראַליע און נעמט איבער די אָנפירונג מיט דער שול. דעם 1טן מאַי, 1938, ווערט די שול ווידער געעפנט מיט 45 קינדער. דעם 17טן מאַי ווערט געעפנט אַ 4טע גרופּע ביי דער שול און אַלס לערער ווערט איינגעלאַדן א. יונאָוויטש, געוועזענער לערער פון יידישע און מלוכהשע שולן אין פוילן. ווי אַ שטענדיקער לערער פון געזאַנג ווערט איינגעלאַדן פּ. שאַרפּ, און אַזוי אַרום באַשטייט שוין דער לערער־פּערסאָנאַל פון 5 מענטשן. אין אָנהויב פון 1940 ווערט געעפנט אַ 5טע גרופּע און ס'ווערט איינגעלאַדן די לערערין ש. שער, געוועזענע לערערין פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכער גרונט־שול און גימנאַזיע אין ריגע. אין 1941 ווערט געעפנט די 6טע גרופּע און דער פּעדאַגאָגישער ראַט ווערט פאַרגרעסערט אויף נאָך איין מיטגליד. אַלס לערערין ווערט איינגעלאַדן ס. ראָזנבערג, לערערין פון אַ מלוכהשער שול אין מעלבורן (אגב איז ס. ראָזנבערג אַליין אַן אַבסאָלווענטין פון דער יידישער שול אין מעלבורן). איצט איז שוין פאַראַן אויך אַ זעקסטע גרופּע. דער באַקאַנטער אַרטיסט יעקב וויסליץ איז זינט

1941 אַ לערער אין דער שול. נאָך דעם ווי ה. גורט האָט פאַרלאָזט מעלבורן. עס איז אויך אַ לערערין רענע וואַרשאַווסקי — אַן אַבסאָלווענטין פון דער כמורנער־שול אין וואַרשע.

ווי מען קען זען פון דעם אויבנאָנגעוויזענעם מאַטעריאַל, איז די שול געוואַקסן מיט יעדן יאָר, און ביי היינטיקן טאָג באַטרעפט די צאָל שילער אין שול 106, ד. ה. די שול איז אויסגעוואַקסן פאַר די לעצטע 4 יאָר אויף איבער 100 פּראָצענט.

נייע קינדער זענען אָנגעקומען נישט נאָר אין דער ערשטער גרופּע, נאָר אויך אין די עלטערע. ביי דער באַשטימונג פון די נייע קינדער אין די גרופּן האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף געוויסע שוועריקייטן. ס'זענען אָנגעקומען עלטערע קינדער, וואָס האָבן נישט געקענט לייענען און שרייבן קיין יידיש. לויט זייערע ידיעות האָבן זיי געדאַרפט זיין אין דער ערשטער גרופּע. דער פּעדאַגאָגישער ראַט האָט אָבער נישט געהאַלטן פאַר צוועקמעסיק אָוועקזעצן אין איין גרופּע, אפילו אויף אַ קורצער צייט, 12-13־יעריקע קינדער מיט 6-7־יעריקע. זיי זענען דעריבער פאַרטיילט געוואָרן אין די גרופּן, וואָס אַנטשפּרעכן מער־ווייניקער זייער עלטער. כדי אָבער זיי זאָלן קענען אָניאָגן זייער קלאַס, זענען געעפנט געוואָרן ספּעציעלע גרופּן פאַר אַזעלכע אָפּגעשטאַנענע קינדער, וועלכע האָבן אונטער דער אָנפירונג פון די שול־לערער געלערנט אויסער די שעהן פון זייער קלאַס, ביז זיי האָבן געקענט גיין מיט זייער גרופּע.

מיט דער פאַרגרעסערונג פון דער צאָל קינדער איז די פראַגע וועגן אַ פּאַסיקן שול־לאָקאַל געוואָרן שאַרפער פון יאָר צו יאָר. די געביידע פון דער „קדימה" האָט שוין ניט געקענט אַריינעמען אַלע גרופּן מיטאַמאָל, און ס'איז אויסגעקומען אַריבערטראָגן אַ טייל גרופּן אין דעם דערבייאיקן הויז, וואָס די „קדימה" האָט אָפּגעקויפט. אָבער אויך דאָס האָט נישט געקענט באַפרידיקן די באַדערפענישן פון דער שול. מען האָט געמוזט לערנען מיט פאַרשידענע גרופּן אין פאַרשידענע טעג און שעהן. אַזוי אַרום אַרבעט איצט די שול 4 טעג אין דער וואָך: זונטיק





פאַרמיטאָג, און מאָנטיק, דינסטיק און מיטוואָך נאָכמיטאָג און אין אָוונט.

אָבער די דאָזיקע מיטלען, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן צו לינדערן דעם מאַנגל אין אַ פּאַסיקן שול־לאָקאַל, זענען געווען נאָר פּאַליאַטיוון. ביי אַזעלכע באַדינגונגען קען אַ שול נאָרמאַל נישט אָנגיין און איר ווייטערדיקע אַנטוויקלונג מוז זיך אָפּשטעלן.

דער שול־קאָמיטעט האָט דעריבער באַשלאָסן צו קויפן אַן אייגענע געביידע פאַר דער שול און אָנגעהויבן אַ זאַמל־אַקציע פאַר דעם צוועק. כ'האָבן זיך געפונען איבערגעגעבענע פריינט פון דער שול, וואָס האָבן זיך באַשטייערט מיט גרעסערע סומעס און געגעבן אַ מעגלעכקייט צוצוטרעטן צו קויפן אַ הויז פאַר דער שול. דאָס הויז איז שוין געקויפט געוואָרן (1008 דראַמאָנד סט.) די זאַמל־אַקציע אויף צו שאַפן דאָס איבעריקע נויטיקע געלט ווערט דורכגעפירט, און גאָר אין גיכן וועט שוין די שול לערנען אין איר אייגענעם בנין.

## פּראָגראַם פון דער שול

ווען אַ שול טרעט־צו צו דער אַרבעט, מוז זי האָבן אַ געוויסע, פאָראויס־אויסגעאַרבעטן פּראָגראַם. גלייך פון אָנהויב מוז זיין קלאָר, וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל רעכנט מען דורכצונעמען אין יעדן קלאַס פון דער געגעבענער שול און וויפיל פון דעם אָנגערעכנטן מאַטעריאַל קען דורכגענומען ווערן ביי די באַדינגונגען, אין וועלכע די שול אַרבעט. אַ פּראָגראַם ווערט אויסגעאַרבעט אויף יאָרן, אָפּטמאָל אויף צענדליקער יאָרן.

גאָר אַנדערש איז מיט אַ צונאָב־שול, דערצו נאָך מיט אַ יונגער צונאָב־שול. אַזאַ שול קען ניט האָבן קיין שטרענג־פיקסירטן פּראָגראַם. די גאַנצע אַרבעט די ערשטע צייט איז נאָר אַן עקספּערימענט. אויסער דעם הענגט אָפּ דער פּראָגראַם אין אַ גרויסער מאָס פון דעם קינדער־באַשטאַנד, וואָס די שול קריגט אַריין. דאָ זענען וויכטיק נישט נאָר די ידיעות, נאָר אויך דער עלטער פון די קינדער. דעריבער טאַקע האָט זיך דער פּראָגראַם

צום ערשטן מאָל איינגעגעבן פאַרענדיקן דעם קורס פון יידישער געשיכטע ביז אונזער צייט.

די לעקציעס פון געזאַנג זענען אָבליגאַטאָריש פאַר דער גאַנצער שול. ס׳ווערן געזונגען יידישע פאָלקס־ און אינדיווידועל־קינסטלערישע לידער. דער כאָר פון דער שול האָט אין זיינע פילמאָליקע געלונגענע אַרויסטרעטונגען באַוויזן, ווי ערנסט דער געגנשטאַנד איז אַוועקגעשטעלט אין דער שול.

## די אַדמיניסטראַטיווע און פּעדאַגאָגישע אָנפירונג מיט דער שול

די יידישע שול אין מעלבורן איז לכתחילה געבויט געוואָרן אויף ריין־געזעלשאַפטלעכע יסודות. פון ערשטן טאָג פון איר גרינדונג האָט מיט איר אָנגעפירט א קאָמיטעט, געוויילט פון די עלטערן און סימפּאַטיקער פון דער יידישער שול.

אין יוני, 1936, איז געגרינדעט געוואָרן א געזעלשאַפט „פריינט פון די יידישע זונטיק־ און נאָכמיטאָג־קורסן אין מעלבורן”. אָבער מיט דער צייט איז זיך די געזעלשאַפט פאַנאַנדערגעפאַלן, און ערשט אין יאָר 1940 איז זי ווידער באַנייט געוואָרן א. נ. „יידישע שול אין מעלבורן” און ציילט ביי היינטיקן טאָג אַרום 100 מיטגלידער.

די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט צוזאַמען מיט די עלטערן ווילן אויס א קאָמיטעט, וואָס פירט אָן מיט דער שול. די נאָרמאַלע קאַדענץ פון אַזאַ קאָמיטעט איז איין יאָר. זיין אויפגאַבע איז דער עיקר — זיכערן די מאַטעריעלע עקזיסטענץ פון דער שול; ער האָט אָבער אויך די אויפזיכט איבער דער גאַנצער אַרבעט פון דער שול און נעמט דעם אַקטיווסטן אָנטייל אין אָרגאַניזירן און דורכפירן אַלע אונטערנעמונגען פון און פאַר דער שול.

מיט דער פּעדאַגאָגישער אַרבעט פון דער שול פירט אָן דער פּעדאַגאָגישער ראַט, וועלכער באַשטייט פון דעם פאַרוואַלטער, לערער און א פאָרשטייער פונם שול־קאָמיטעט. אין דעם





אין אונזער שול געביטן עטלעכע מאָל. צוערשט, ווען די שול איז באַשטאַנען פון 3 גרופּן, האָט דער פּראָגראַם געמוזט זיין אַן אַנדערער ווי איצט, ווען די שול באַשטייט פון 6 גרופּן. אין די יינגערע גרופּן לערנען זיך איצט יינגערע קינדער ווי פריער און דעריבער איז נאָך ביז איצט נישטאָ קיין סטאַבילער פּראָגראַם. ער ענדערט זיך נאָך פון יאָר צו יאָר.

אין דער ערשטער גרופּע (קינדער פון 6 ביז 8), הויבן אָן די קינדער פון אלף־בית. זיי לערנען זיך אויס לייענען און שרייבן יידיש. שפּילן און זינגען איז א וויכטיקער באַשטאַנדטייל פונם לערן־פּראָגראַם.

אין דער צווייטער גרופּע פאַרפולקאָמען זיך די קינדער אין לייענען און שרייבן, באַקומען שוין איניקע כללים פון דער יידישער אָרטאָגראַפיע און באַקענען זיך מיט א באַגרענעצטער צאָל פון די פאַרשפּרייטסטע העברעאיזמען און זייער אויסלייג.

מיט יעדן ווייטערדיקן קלאַס ווערט דער לערן־מאַטעריאַל אַלץ קאָמפּליצירטער, און אין די עלטערע גרופּן טרעטן שוין די קינדער צו צום אַנאַליז פון גאַנצע ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור.

פון גאַנצע ווערק זענען אין שול היי־יאָר דורכגענומען געוואָרן, אָנהויבנדיק פון דער 3טער גרופּע: פון שלום עליכם — איניקע קינדער־דערציילונגען (פון באַנד „מעשיות פאַר יידישע קינדער”), „מאָטל פייסי דעם חזנס”, „טוביה דער מילכיקער”, „מנחם מענדל”, „צוויי הונדערט טויזנט”. פון י. ל. פּרץ: פאָלקסטימלעכע געשיכטן, חסידיש און איניקע נאָוועלן. פון שלום אַש: „ר׳ שלמה נגיד”, „קידוש השם”, „כישוף־מאַכערין פון קאַסטיליע”, „אַנקל מאָזעס”, „וואַרשע” (פון דער טרילאָגיע „3 שטעט”). אויסער דעם זענען געלערנט געוואָרן איניקע נאָוועלן פון א. רייזען, ה. ד. נאָמבערג, י. וויסנבערג א. אַנד.

יידישע געשיכטע הויבן אָן די קינדער פון דער 2טער גרופּע. דער קורס איז מער־ווייניקער אויסגעהאַלטן נאָכן לערן־בוך פון יידישער געשיכטע פון פּראָפ. ש. דובנאָוו. היי־יאָר האָט זיך

שול־קאָמיטעט איז אויך פאַרטראַטן אַ מיטגליד פונם פּעדאַגאָגישן ראַט. אַזוי אַרום איז דאָ אַ שטענדיקער קאָנטאַקט צווישן דיביידע אינסטאַנצן, וואָס פירן אָן מיט דער שול.

## בודזשעט פון דער שול

אין משך פון דער עקזיסטענץ פון דער שול זענען געמאַכט געוואָרן עטלעכע פּרוון צו סטאַביליזירן איר בודזשעט. צוליב דעם איז אין 1936 געגרינדעט געוואָרן די געזעלשאַפט „פריינט פון די יידישע זונטיק־ און נאָכמיטאָג־קורסן אין מעלבורן", וואָס האָט זיך געשטעלט די הויפּט־אויפגאַבע אָוועקצושטעלן דעם שול־בודזשעט אויף פעסטע יסודות, כדי ער זאָל נישט זיין אָפּהענגיק פון צופעליקע הכנסות. דער פּרוו איז נישט אינגאַנצן געלונגען. אין 1938 ווערט געמאַכט אַ פּרוו צו רעאָרגאַניזירן די שול אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. יעדער פאָטער, וואָס גיט אָפּ דאָס קינד אין שול, ווערט אַ מיטגליד פון דעם קאָאָפּעראַטיוו און טראָגט אַריין אַן איינטריט־אָפּצאָל מינימום פון איין פונט. אָבער אויך דאָס האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן, ווייל ווען די שול האָט זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן און ס'זענען אָנגעקומען אַ גרעסערע צאָל אומבאַמיטלטע קינדער, האָט מען געמוזט נישט נאָר אָפּזאָגן זיך פון דעם איינטריטס־אָפּצאָל, נאָר אויך פאַרקלענערן אָדער אינגאַנצן באַפרייען פון שכר־למוד. דער נאָרמאַלער שכר־למוד איז פעסטגעשטעלט געוואָרן 2 שילינג אַ וואָך. אָבער ביי היינטיקן טאָג צאָלן ביי 30 קינדער אַ פאַרקלענערטן שכר־למוד.

דאָס ווערט דערקלערט דערמיט, וואָס די שול האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו ווערן אַ פאָלקס־שול, וואָס דאַרף אַריינ־נעמען אַלע קינדער, וואָס ווילן לערנען יידיש, נישט געקוקט אויף זייערע צאָלונגס־מעגלעכקייטן.

דעריבער טאַקע איז ווידער באַנייט געוואָרן די געזעלשאַפט „פריינט פון דער יידישער שול אין מעלבורן", וואָס דעקט מיט איר מיטגלידס־אָפּצאָל אַ באַשטימטן טייל פון בודזשעט און





דערמעגלעכט דער שול אָנגיין מיט איר נאָרמאַלער אַרבעט.

די הכנסה פון דער שול ווערט צוזאַמענגעשטעלט: 1) פון שכר־למוד (ביי 60־70 פּראָצענט) און 2) פון מיטגלידס־אָפּצאָל (יעדער מיטגליד פון דער געז. „פריינט פון דער יידישער שול אין מעלבורן") צאָלט אַ מינימום פון 10/6 שילינג אַ יאָר). די איבעריקע סומע ווערט געדעקט פון אונטערנעמונגען, וואָס דער שול־קאָמיטעט אָרדנט איין.

אַדאַנק דעם, וואָס די „קדימה" האָט פון 1937 אָפּגעגעבן איר לאָקאַל פאַר דער שול אומזיסט (נאָר פאַר דער הויז נומ. 834, וואָס געהערט צו דער „קדימה", צאָלט די שול אַ קליינעם אָפּצאָל), איז אָפּגעפאַלן אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער הוצאה — דירה־געלט. כמעט די גאַנצע הכנסה פון דער שול גייט אַוועק אויף לערער־שכירות.

מיט יעדן יאָר איז דער בודזשעט פון דער שול געוואָקסן, ווייל פון 1938 איז יעדער יאָר צוגעקומען אַ קלאַס.

## עפנטלעכע אונטערנעמונגען פון דער שול

פון צייט צו צייט קומען פאָר עפנטלעכע אונטערנעמונגען, וואָס די שול אָרדנט איין. אַ טייל פון די אונטערנעמונגען איז אויסגערעכנט אויף אַריינקריגן געלט און פאַרשטאַרקן די פינאַנסן פון דער שול. אָבער אַ גרויסער טייל פון די דאָזיקע אונטערנעמונגען ווערן איינגעאָרדנט דער עיקר צוליב זייער קולטור־באַדייטונג. אַזוי זענען פאָרגעקומען עטלעכע לעקציעס פונם פאַרוואַלטער י. גיליניטש וועגן פאַרשידענע פראַגן פון דער דערציאונג (איינגעאָרדנט צוזאַמען מיט דער „קדימה") און אַ קאָנצערט־אָוונט פון יידישן פאָלקלאָר, אגב דער ערשטער יידישער פאָלקלאָר־אָוונט אין מעלבורן.

אויסער דעם קומען פאָר יעדן יאָר קינדער־קאָנצערטן, אויסגעפירט דורך די שילער פון דער יידישער שול. דער פּראָגראַם פון אַזעלכע קאָנצערטן באַשטייט פון כאָר־געזאַנג, רעציטאַציעס און דעקלאַמאַציעס און אַ דראַמאַטישן טייל.

דער מאַטעריאַל פונם פּראָגראַם איז כמעט אינגאַנצן גענומען פונם קורס, וואָס די קינדער גייען דורך אין משך פון דעם יאָר. אַזוי זענען פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר געשטעלט געוואָרן: פון שלום עליכם — „חנוכה־געלט", קאַפּיטלעך פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס", „הינער־שטרייק"; פון פּרצן — „ביים גוסס צו קאָפּנס" און חוץ דעם אַ גאַנצע רייע קלענערע אינסצעניזירונגען פאַר די יינגערע קלאַסן. איין יאָר איז דורכגעפירט געוואָרן אַ קינדער־אָפּערע „דאָס שניי־מיידעלע" (טעקסט פון י. גיליגיטש, מוזיק פון י. מיטליאַנסקי) אין 3 אַקטן.

די קינדער־קאָנצערטן זענען אַ מין קינסטלערישער באַריכט, וואָס די שול גיט אָפּ דער יידישער עפנטלעכקייט, און ווייזן, וואָס און ווי אַזוי ווערט געלערנט אין דער יידישער שול. דער דערפאָלג, וואָס די קאָנצערטן האָבן ביים מעלבורנער עולם, איז דער בעסטער באַווייז, אַז די יידישע שול האָט שוין פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דעם היגן קולטור־לעבן און איז געוואָרן זייער פּאָפּולער.

אַ באַזונדערן אָרט צווישן די אונטערנעמונגען פאַרנעמט דער באַנקעט, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן צום 5־יאָריקן יובילעי פון דער שול. דאָס איז געווען אַן אמתער יום־טוב פונם פּראָגרעסיוון יידישן מעלבורן, אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע פאַר דער מאָדערנער יידישער קולטור.

דער זאַל פון דער „קדימה" איז געווען פול געפּאַקט. דער עולם איז געקומען אַרויסווייזן זיינע סימפּאַטיעס צו דער יידישער שול, אָנטייל נעמען אין אירע פריידן. אין זאַל האָט געהערשט אַ פייערלעכע שטימונג. אַלע רעדעס זענען אויסגעהערט געוואָרן מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט. ביים אַריינגיין אין זאַל איז דער קינדער־כאָר באַגריסט געוואָרן מיט לאַנגדויערנדיקע אָוואַציעס.

דער באַנקעט האָט באַוויזן, וואָס פאַר אַ גרויסע באַדייטונג די שול האָט פאַרן היגן יידישן לעבן, אַז די פינף יאָר אַרבעט, וואָס די שול האָט דורכגעמאַכט, זענען נישט געגאַנגען לאיבוד און אַז די שול האָט באַקומען פולע בירגער־רעכט אויף דער





יידישער גאַס און האָט אַלע אויסזיכטן ווייטער צו וואַקסן און אַנטוויקלען זיך.

צום סוף פון אַרטיקל האַלטן מיר פאַר אונזער חוב צו דערמאָנען די נעמען פון די מיטגלידער אין די שול־קאָמיטעטן, וואָס האָבן פאַר דער צייט פון דער עקזיסטענץ פון דער שול מיט זייער אַקטיווער אַרבעט מיטגעהאָלפן אויסבויען און אויסהאַלטן אַזאַ וויכטיקע אינסטיטוציע, ווי אַ יידישע שול אין מעלבורן:

מר. י. אַקנאַ, מר. ע. בייטיז, מר. ס. בורשטין, מר. בלושטיין, מר. און מרס. ש. בריליאַנט, מר. וו. גאָטליב, מר. גאָלד, מר. פּ. גאָלדהאַר, מר. גאָרדאָן, מר. ה. ד. גינטער, מר. י. גינטער, מר. י. דייוויס, מרס. דיאַמאַנד, מר. א. הילדעבראַנד, מר. מ. הילער, מר. און מרס. ב. וואַרשאַווסקי, מר. ג. וואָלף, מר. מ. ווייניק, מר. א. טשערני, מרס. מ. יאַנאָווער, מר. פּ. לאַסיקאַ, מר. מ. סילמאַן, מר. י. פּושעט, מר. מ. פּלאָטקין, מר. ל. קייזער, מר. ב. ראָזנבערג, מר. י. ראָטמאַן, מרס. שיינבערג, מר. מ. שאַרפּ.

## אָפּטיילונג פון דער שול אין סט. קילדאַ

די שול האָט זיך פון ערשטן טאָג אָן געפונען אין קאַרלטאָן, און ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז איר שילער־באַשטאַנד האָט זיך רעקרוטירט כמעט אויסשליסלעך פון קאַרלטאָן, נאָרט קאַרלטאָן און בראַנזוויק. געציילטע קינדער פלעגן קומען פון אַנדערע פאַרשטעט, ווי קאָלינגווד, סט. קילדאַ. שוין דעם 11טן פעברואַר, 1936, ד. ה. עטלעכע מאָנאַטן נאָכן גרינדן די שול, שטייט אויפן סדר היום פונם שול־קאָמיטעט די פראַגע וועגן עפענען אַ קלאַס אין סט. קילדאַ.

דער קאָמיטעט איז אָבער צופיל פאַרנומען מיטן אָרגאַניזירן און אויסשטעלן די שול אין קאַרלטאָן, און דעריבער האָט דער פּראָיעקט וועגן עפענען אַ יידישן קלאַס אין סט. קילדאַ דערווייל נישט געקענט פאַרווירקלעכט ווערן.

פאַר דער לעצטער צייט אָבער איז די „עמיגראַציע" פון קאַרלטאָנער יידן קיין סט. קילדאַ מיט יעדן יאָר געוואָרן גרעסער.

און די פראַגע וועגן עפענען אַ יידישע שול אין סט. קילדאַ איז ווידער געוואָרן אַקטועל.

דער שול־קאָמיטעט האָט אויך זיך גענומען די איניציאַטיוו. אין יוני, 1941, איז צונויפגערופן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג פון אַ גרופּע עלטערן, וואָס וווינען אין סט. קילדאַ, און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו עפענען אַן אָפּטיילונג פון דער יידישער שול אין סט. קילדאַ.

ס'האָט זיך גלייך אָנגעהויבן די צוגרייטונגס־אַרבעטן. ס'האָבן זיך פאַרשריבן 23 קינדער (אַ גאַנץ באַפרידיקנדיקע צאָל פאַר אַן אָנהויב), אָבער צוליב מאַנגל אין אַ לאָקאַל האָט מען געמוזט צייטווייליק אָפּלייגן דאָס עפענען פון דער שול אין סט. קילדאַ.

דאָס איז אָבער נאָר אַ פראַגע פון צייט. ס'מוזן זיך געפינען ענערגישע מענטשן, וואָס זאָלן די פראַגע אַ רוק טאָן פונם טויטן פונקט, ווייל די גרינדונג פון אַ יידישער שול אין סט. קילדאַ איז אַ ברענענדיקע נייטווענדיקייט. מיר האָפן אַז גאָר אין גיכן וועט אַזאַ שול אין סט. קילדאַ געעפנט ווערן און וועט האָבן נישט קיין קלענערן דערפאָלג ווי איר עלטערע שוועסטער אין קאַרלטאָן.

## קינדער־זשורנאַל

מיטן אָנהויב פון דער מלחמה איז אַלץ שווערער געוואָרן צו באַקומען קינדער־ליטעראַטור, וואָס זאָל קענען באַפרידיקן די באַדערפענישן פון אונזערע קינדער אין אַ פּאַסיקן לייען־מאַטעריאַל. ס'איז דעריבער ביים קאָמיטעט אַנטשטאַנען אַ געדאַנק אַרויסצוגעבן אַ מאָנאַטלעכן קינדער־זשורנאַל, וואָס זאָל געבן די קינדער אַן אַנטשפּרעכנדיקן לייען־מאַטעריאַל.

אין אויגוסט, 1942, האָט דער זשורנאַל אָנגעהויבן צו דערשיינען אונטערן נאָמען „מיין קליינע וועלט". דער דאָזיקער זשורנאַל איז נישט נאָר אַ קינדער־זשורנאַל, נאָר אויך אַ שול־זשורנאַל. דעריבער דאַרף ער אין אַ געוויסער מאָס אָפּשפּיגלען





דאָס לעבן פון דער יידישער שול. אין אים דאַרפן אַריינגיין זעלבסטשטענדיקע קינדער־אַרבעטן, געשריבענע אין שול, ווי אויך אויסער דער שול. די שול־כראָניק דאַרף אויך פאַרנעמען אַ געוויסן אָרט אין אַזאַ זשורנאַל.

שפּילן און לאַכן איז אַ נאַטירלעכע באַדערפעניש פון יעדן קינד. כדי אויך דאָס צו באַפרידיקן, איז אין זשורנאַל איינגעפירט געוואָרן אַ פריילעכער ווינקל אונטערן נאָמען „טראַכט און לאַכט". דער נאָמען אַליין באַווייזט, אַז די אָפּטיילונג דאַרף געבן מאַטעריאַל נישט נאָר פאַר פאַרווייליונג, נאָר אויך באַרייכערן דאָס וויסן פונם קינד, מיטהעלפן זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג.

אין דער אָפּטיילונג גייען אַריין וויצן, שפּילן, רעטענישן, רעבוסן, שאַראַדעס א. ד. גל. אויסער דעם איז אויך איינגעפירט געוואָרן אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פאַר גאָר קליינע קינדער.

די רעדאַקציע באַשטייט פון אַ פאָרשטייער פונם שול־קאָמיטעט, 2 לערער און 2 שילער.

דאָס איז דער ערשטער פּרווו אַרויסצוגעבן אַ יידישן קינדער־זשורנאַל אין אויסטראַליע. און אויב ער וועט זיך איינגעבן, וועט די יידישע שול האָבן אויפגעטאָן גאָר אַ וויכטיקע אַרבעט אויפן געביט פון מאָדערנער יידישער דערציאונג אין אויסטראַליע.